NEW YORK STATE | Department of Health

# וואספארא סערוויסעס קומען מיט **האספיס?**

**א שטאב פון ספעציאליסטן שטעלן צו האליסטישע שטיצע פאר פאציענטן, וואס באהאנדלט דעם גאנצן קערפער, אנשטאטס זיך נאר קאנצענטרירן אויף אן איינצעלנע סימפטאם אדער חלקים פונעם קערפער. האספיס (Hospice) שטעלט צו די אייגנארטיגע געברויכן פון יעדן פאציענט, אפגעבנדיג זיך מיט זייערע פיזישע, עמאציאנאלע סאוציאלע, און רוחניות'דיגע וואויל-זיין.**

**קעיר קען אריינגעמען:**

- ארום-דעם-זייגער, טעגליכע צוטריט צו נורסינג שטאב
- באזוכן פון צייט צו צייט דורך א רעגיסטרירטע נורס (registered nurse, RN) אדער א לייסענסד פראקטישע נורס (licensed practical nurse, LPN)
- פערזענליכע קעיר הילף דורך א באשטעטיגטע היים געזונטהייט געהילף (home health aide, HHA)
- קעיר אויפזיכט דורך א האספיס דאקטאר אדער מעדיצינישע דירעקטאר
- שטיצע פון א סאושעל ווארקער פאר עמאציאנאלע און פראקטישע פראבלעמען
- רוחניות'דיגע און גלויבן-באזירטע שטיצע
- מעדיצינישע געצייג און מעדיצינען
- הילף, שטיצע און פריינטשאפט פון טרעינירטע וואלונטירן
- טרויערן שטיצע און קאונסעלינג

## וואו שטעלט מען צו האספיס?

- אין די פאציענט'ס אדער קעיר-געבער'ס היים
- שפיטעלער
- נורסינג היימען
- געשטיצטע וואוינונג פאסיליטעטן
- האספיס רעזידענטן

## ווער באצאלט פאר האספיס?

- Medicare, דורך די Medicare האספיס בענעפיט
- Medicaid
- רוב קאמערציאלע העלט אינשורענס
- וויבאלד רוב האספיסעס זענען נאן-פראפיט, טוען געשאנקען און נדבות אפטמאל העלפן באצאלן פאר פראגראמען, פראיעקטן און קעיר

# ווער איז בארעכטיגט פאר
# האספיס סערוויסעס?

**מענטשן וואס האבן:**

- באזוכט די עמערדשענסי אפטיילונג און/אדער זענען געווארן אריינגעפירט אין שפיטאל צוויי אדער מער מאל אין די פארגאנגענע 6 חדשים
- אנהאלטנדע רעדוקציע אין די מעגליכקייט צו קענען פונקציאנירן
- אומגעפלאנטע וואג פארלוסט פון מער פון 10% איבער די פארגאנגענע 6 חדשים
- געשוואלנקייט פון חלקים פונעם קערפער וואס האלט אין איין פאסירן אדער ווערט ערגער
- טשעסט ווייטאג וואס איז פארבינדן מיט שווועריקייטן מיט'ן אטעמען
- שוועריקייטן מיט'ן שלינגען, אדער זיך שטיקן בשעת'ן שלינגען, צוליב א סטראוק אדער עמייעטראופיק לעטערעל סקלעראוסעס (ALS ,amyotrophic lateral sclerosis)
- נישט מסודר'דיגע הארץ-קלאפעניש וואס ווערן נישט בעסער נאך באהאנדלונג
- דעמענטשיע אין פעלער וואס מען האט נישט די מעגליכקייט צו קאמיוניקירן און גיין מיט די פיס
- אומקאנטראלירבארע ווייטאג, איבלונגען, און שוועריקייטן מיט'ן אטעמען
- ווילן צו אפשטעלן אומבאקוועמע אדער אומערפאלגרייכע באהאנדלונגען
- ווילן זיך צו קאנצענטרירן אויף באקוועמליכקייט און קוואליטעט פון לעבן
- **באשטעטיגונג פון א דאקטאר אז מען שאצט אז די פאציענט וועט נישט לעבן מער ווי נאך זעקס חדשים**

## וויאזוי קען א פאציענט באקומען האספיס קעיר?

- רעפערעלס פאר האספיס קענען געמאכט ווערן דורך סיי ווער עס איז היימיש מיט'ן פאציענט. דאס רעכנט אריין די פאציענט זעלבסט—ווי אויך זייערע פאמיליע מיטגלידער, פריינט, העלט קעיר פראוויידערס, און סאושעל סערוויסעס אגענטורן.
- אויב איר זענט די פאציענט, דארפט איר האבן א העלט קעיר פראוויידער אדער א נורס פרעקטישאנער וואס זאל אייך באגלייטן בשעת איר באקומט האספיס קעיר. אפטמאל באדייט דאס אז איר קענט אנהאלטן אייער העלט קעיר פראוויידער.


**צענטער פאר האספיס און פעליעטיוו קעיר**
**(Center for Hospice & Palliative Care)**
**אפיס פון זיך עלטערן און לאנג טערמיניגע קעיר**
**(Office of Aging and Long-Term Care)**
**אימעיל:** CHPC@health.ny.gov
**טעלעפאן:** (518) 807-7848


health.ny.gov/hospice


#14212 (Yiddish)

NEW YORK STATE Department of Health

11/2025